## ברכות אלנות: הערליכע ביימער אינעם "העסק צענטער דעי-העב" גאָרטן

מיטן די דערנענטערונג פונעם זומער, זענען אין די טעג פאַרנומען אַ גרופּע אינעם "העסק צענטער דעי-העב פּראָגראַם" העפטיג פאַרנומען מיטן אויפאַקערן און איינפלאַנצן זייער גאָרטן, וואָס וועט אי"ה אַרויסגעבן געשמאַקע גרינצייג במשך דעם סעזאָן. דער הערליכער, שמעקעדיגער גאָרטן איז בלויז איין מוסטער ווי אַזוי העסק'ס דעי-העב פּראָגראַם שטעלט צו אַ ריזיגער אויסוואַל פון אַקטיוויטעטן פאַר די וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין די דעי-העב פליגל, איינצופלאַנצן דעם הערליכן גאָרטן פון איר דעי-העב משפחה, וואָס גיט ב"ה שטענדיג אַרויס הערליכע פּירות.

צווישן די פאַרשידנאַרטיגע דיוויזיעס אינעם העסק צענטער, שטייט שטאַרק אַרויס די "דעי העב" פּראָגראַם, וואָס באַדינט ערוואַקסענע זיי צו העלפן ווערן פּראָדוקטיוו, פאַרברענגען דעם טאָג אין אַ געשמאַקע וואַרימע און ליבליכע אַטמאָספערע, און זיי העלפן דערגרייכן צילן וואָס גיט זיי אַריין אַ סיפוק החיים. די אַלע אַקטיוויטעטן שטעלט די מענטשן אויף די פיס, מאַכט זיי זעלבסט-שטענדיג, און פלאַנצט אין זיי איין די נויטיגע אייגענשאַפטן צו קענען אַליין דורכפירן פאַרשידענע אויפגאַבעס וואָס מאַכט זיי אַקטיוו און זיך קענען אַריינפּאַסן אין אַ געזעלשאַפט.

אין העסק ווייסט מען אַז יעדע אידישע נשמה האָט כוחות הנפש, און האָט אַן אויפגאַבע וואָס זי קען דורכפירן. מען דאַרף איר נאָר צוזאַמענשטעלן צו די ריכטיגע פּראָגראַם וואָס וועט איר אי"ה מאַכן אַרויסנעמען דאָס מערסטע פון לעבן און זיך שפּירן גליקליך און צופרידן, און אי"ה אויפצובויען דעם באַטרעפנדן'ס אייגנשאַפטן צו די מאַקסימום.

צו דערגרייכן דעם ציל האָט העסק צוזאַמענגעשטעלט און אַראַנזשירט צענדליגער אַקטיוויטעטן אין וואָס די מיטגלידער קענען זיך אָנשליסן, וועלכע זענען ספּעציעל געאייגנט צו פאַרבעסערן זייערע סאָציאַלע אייגענשאַפטן און כוחות הנפש. די פּראָגראַמען שליסן איין וואַלאָונטיר אַרבעט – פאָלגענד זענען עטליכע ביישפּילן:

איינקנייטשן און אָנפולן ענוועלאָפּס פאַר אָרגאַניזאַציעס; מען גייט באַזוכן נוירסינג האָומס ווי מען פיטערט די מענטשן, מען שמועסט און מען פאַרברענגט מיט זיי, און מען אַנטוויקעלט אָפּט מיט זיי פערזענליכע באַציאונגען; מען שטעלט צוזאַם לאָנטש פעקלעך אויסצוטיילן; איין גרופּע גייט צו שולן ווי מען העלפט אויפרוימען די שול, מען לייגט צוזאַמען טליתים, און מען רייניגט אויס און מען פּאַקט אַוועק די סידורים און ספרים; אַ צווייטע חבורה פאָרט אין אַ שול איין מאָל אַ חודש וואו מען צינדט יאָר-צייט לעכט פאַר נפטרים און דער רב זאָגט זיי אַן אינטרעסאַנטע דבר תורה וואָס זיי האַלטן מיט און זיי הערן זיך צו; אַן אַנדערע חבורה פאָרט אויפרייניגן אַ טייל פון פּראָספּעקט פּאַרק וואָס איז באַשטימט פאַר העסק צו האַלטן זויבער; אַ טייל קליענטן אַרבעטן פאַר אַ קליידער גמ"ח. זיי שטעלן צוזאַם פאָרן שיך און לייגן צוזאַם קליידער, כדי זיי זאָלן גרייט אָפּגעשיקט צו ווערן קיין ארץ ישראל; מאַנכע גייען יעדן שבת צו אַ האָום וואו מען רעכט אָפּ אַן עונג שבת מיט די רעזידענטס, וועלכע זינגען נאָכדעם שבת ניגונים פאַר די קליענטן, פון וואָס זיי געניסן זייער שטאַרק.

באַזונדער האָט דער "העסק צענטער" אַ רייע אַקטיווּיטעטן אין וואָס די באַטייליגטע קענען פאַרברענגען: עס איז זיך נישט פאָרצושטעלן דעם פאַרגעניגען פון די קליענטן ווען זיי ברענגען אַהיים די געוואוקסן פון דעם דערמאַנטן גאָרטן, וואָס געפינט זיך אויף אַ שטיק לאַנד וואָס איז געווידמעט פאַר דעם צוועק, נאָך מאָנאַטן וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט האָרעוואַניע אָנצוגרייטן די ערד, באַזייטיגן די אַלטע צווייגלעך, עס באַמיסטיגן מיט פערטילייזער, אויפאַקערן, איינפלאַנצען די קליינע געוואוקסן, ביז עס וואַקסן ענדליך אַרויס די שיינע טאָמעיטאָס אָדער אַנדערע גרינצייג, וואָס זיי ברענגען אַהיים, עסן אויף און קאָכן אָפּ.

דאָס גיט זיי אַריין אַ געוואַלדיגע געפיל אַז זיי זענען פּראָדוקטיוו, טוען עפּעס אויף, און עס מאַכט זיי שפּירן זיך זייער וויכטיג, ווען זייערע קאָלעגעס, געשוויסטער און עלטערן באַטראַכטן די שיינע געוואוקסן וואָס זיי האָבן אַליין איינגעפלאַנצט און געהאָדעוועט. די קליענטן שפּירן דעמאָלט דעם זעלבן נחת וואָס זייערע מדריכים און באַגלייטער שפּירן בעת זיי זעען ווי די מיטגלידער שטייגן,

זייער פערזענליכקייט ווערט אויפגעבויעט, און ווי זיי בליען אַדאַנק די פּראָגראַמען אין אַקטיוויטעטן אין וואָס זיי זענען אָנגעשלאָסן. אַ ספּעציעלע שמחה איז ווען מען באַווייזט בעז"ה אויסצושלייפן אַ מיטגליד – אַדאַנק וואָס ער לערנט זיך אויסצופירן אויפגאַבעס און אַרבעטן מיט זיינע קאָלעגעס און מיט אַנדערע מענטשן וואָס ער קומט אין באַרירונג אַלס טייל פון די אַקטיוויטעטן - ביז מען קען אים אַריינשטעלן אין אַ געהעריגע אַרבעטס פּאָזיציע וואו ער באַקומט באַצאָלט און שפּירט זיך ווי אַ מענטש צווישן מענטשן, און ער געניסט פון אַ געוואַלדיגן סיפוק אַהיימברענגנדיג אַ געהאַלט.

אַנדערע אַקטיוויטעטן שליסן איין פאַרשידענע "אַרטס ענד קרעפטס" פּראָגראַמען, אין וואָס די באַטרעפנדע שטעלן אויף אינטרעסאַנטע זאַכן. אויסער דעם גוטן געפיל ווען זיי זעען און קענען אַהיימטראָגן מעשה ידיהם להתפאר, לערנען זיי זיך דערפון פאַרשידענע אַרבעטס, און די וואָס באַזיצן מעלערישע אָדער אַנדער האַנט קענטעניסן קענען דערמיט אַרויסברענגן זייערע אייגנאַרטיגע מעלות וואָס בויט אויף זייער פּערזענליכקייט.

אויך ווערן די קליענטן געפירט צו מוזעאומס, ווי אַ ספּעציעלער וועג-ווייזער ערקלערט זיי וואָס זיי זעען און זיי לערנען זיך אינטרעסאַנטע זאַכן. אַנדערע ווערן גענומען צו שפּיל פּלעצער וואו זיי זענען באַטייליגט אין פאַרשידענע לעבעדיגע שפּילן. אויך באַקן די מיטגלידער חלות יעדע וואָך, זיי לערנען אַ שיעור, און ווען מען ענדיגט פייערט מען עס מיט אַ סיום וואָס ווערט אויך צוגעגרייט דורך איינעם פון די קליענטן.

די פירער האָבן ב"ה אַ פּערזענליכן געפיל און פאַרשטאַנד צו יעדן מיטגליד, אין וועלכע געביטן ער צייכנט זיך אויס, וואָסערע מעלות די באַטייליגטע – וועלכע זענען ערוואַקסענע וואָס זענען שוין נישט אָנגעשלאָסן אין קיין שולע פּראָגראַמען – באַזיצן, און וואָס פאַר אַ זאַכן זיי גלייכן צו טאָן. לויט יעדן'ס פּערזענליכן פּראָפּיל ווייסט מען וועלכע פּראָגראַמען עס זענען געאייגנט פאַר דעם פאַל, און דער באַטרעפנדער באַקומט דעם אויסוואַל זיך אויסצוקלייבן צווישן די פאַרשידענע אויספלוגן, וואַלאָונטיר אַרבעט'ס און אַנדערע אַקטיוויטעטן וועלכע זענען צוגעפּאַסט פאַר אים. די

באַטרעפנדע זענען דערנאָך אַליין אַקטיוו אין אויסשטעלן זייער סקעדזשועל, און עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט קליינע גרופעס וועלכע לאָזן זיך אַרויס צו די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן, מיט וואָס זיי פאַרברענגן דעם טאָג אין אַ וואַרימע אַטמאָספערע.

געוויס, ווען מען רעדט פון אַזויפיל קליענטן ווי העסק קען מען נישט ערוואַרטן אַז יעדער זאָל טאַקע זיין געאייגנט צו איינע פון די פאַרשידנאַרטיגע אויסגערעכנטע אַקטיוויטעטן, אפילו ווען דער אויסוואַל איז צווישן צענדליגער פּראָגראַמען. אָבער אויך אין אַזאַ פאַל הייבט מען נישט די הענט. אַז עס פעלט אויס וואַרפט מען זיך אַריין, מען קומט אויף, און מען אַראַנזשירט פאַר יענעם אַ פרישע אַקטיוויטעט. אַ ביישפיל איז וואָס לעצטנס האָט מען אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות צו ערלעדיגן פאַר איינעם אפצואוואַשן עמוירדזשענסי אויטאָס, נאָך וואָס מען האָט איינגעזען אַז דאָס וועט אים אַריינגעבן דעם בעסטן געפיל און עס איז דאָס מערסטע געאייגנט אויפצובויען זיין צופרידנהייט און אינערליכע כוחות.

די פאַרשידענע פּראָגראַמען אין וואָס די מיטגלידער שליסן זיך אָן און האַלטן מיט, העלפט זיי זיך אַריינפּאַסן אין אַ געזעלשאַפט, אַרבעטן אינאיינעם און אַרבעטן מיט אַנדערע מיט וועלכע זיי קומען אין באַרירונג. עס ברענגט אויך די מענטשן זיך צו דרייען אין עפנטליכע ערטער ווי אין שולן, פּאַרקס און געשעפטן. און זיך צוגעוואוינען צו נוצן עפנטליכע סערוויסעס, ווי עפנטליכע טראַנספּאָרטאַציע, בענק און לייברעריס.

נישט בלויז די אַקטיוויטעטן זענען אויסגעשטעלט אויפצובויען די באַטרעפנדע און העלפן געניסן פון זייער לעבן, נאָר אפילו דער צוגאַנג ווי אַזוי מען זעצט זיך אַראָפּ מיט זיי און זיי באַקומען די אויפגאַבע – בעסער געזאָגט די פריוויליגיע - צו באַשליסן וואָס זיי ווילן טאָן, און ווי אַזוי זייער סדר היום זאָל זיין אויסגעשטעלט, העלפט זיי אויפבויען זייערע צופרידנהייט געפילן און זעלבסט-שטענדיקייט, זעענדיג אַז זיי אַליין זענען די וואָס באַשליסן וואָס צו טאָן.

אַ ספּעציעלן דגוש ווערט געלייגט אַז די אַקטיוויטעטן זאָלן אויסגעשטעלט ווערן אויף אַ וועג אַז די משפחה מיטגלידער זאָלן מיטהאַלטן און וואָס מער זיין פאַרמישט מיט דעם באַטרעפנדן'ס

אויפגאַבעס, דערגרייכונגען און פּאָרשריט. דאָס וואָס מ'אינטערעסירט זיך און מען האַלט אינדערהיים וואָס ער טוט און מען באַגלייט זיין הצלחה, גיט צו גאָר אַסאַך צו דעם קליענט'ס צופרידנהייט, וויכטיגן געפיל און זעלישן אויפבוי.

איין זאַך צו וואָס העסק טויג נישט, איז צו שטופּן טעג. אויב זוכט איינער אַן אַדרעס פשוט דורכצושטופּן דעם טאָג, איז העסק אַ "ראָנג נאָמבער." אין "העסק צענטער" איז דער ציל פּונקט פאַרקערט. דאָרט נוצט מען אויס די טעג. די מיטגלידער טוען אויף, לערנען פאַרשידענע אינטערעסאַנטע זאַכן, פאַרברענגען, און זענען פּראָדוקטיוו, אַלעס אין אַ וואַרימע אַטמאָספערע, ווי מען גיט זיך געטריי אָפּ מיטן יעדן קליענט פערזענליך, און מיט אַ דגש צו אַקאָדאָמירן יעדן'ס געוואוינהייטן פון דערהיים.

אינעם העסק צענטער דעי-העב גאָרטן האַלט מען איצט אינמיטן דעם גרינצייג פלאַנצונג סעזאָן, און בכלל איז איצט דער ברכת אלנות סעזאָן ווען מען דאַנקט דעם אייבערשטען פאַר די אלנות טובות. אָבער אינעם העסק צענטער איז מען אַ גאַנץ יאָר פאַרנומען מיט פלאַנצען און האָדעווען אידישע נשמות, און מען ווייסט שטענדיג דעם כלל אַז יעדער איד איז אַן אילן טוב וואָס קען אַרויסגעבן הערליכע געשמאַקע פירות - מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי עס צו פלאַנצן, האָדעווען און באַאַרבעטן.